# דער יינגער מאָלער יאָסל בערגנער

## (צו זיין אָפּפאָר קיין פראַנקרייך)

פון יאָסל בירשטיין

דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער שרייבער פּנחס גאָלדהאַר איז געווען דער ערשטער און ביז איצט נאָך אַלץ דער איינציקער, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור אַן אויסטראַליש־יידישן טאָן.



יאָסל בערגנער

און דאָס וואָס פּנחס גאָלדהאַר — אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט דער יונגער יידישער מאָלער יאָסל בערגנער שוין באַוויזן אַריינצוברענגען אין דער יידישער מאָלעריי. אין דער יידישער מאָלעריי — אַ שטיק אויסטראַלישקייט און אין דער אויסטראַלישער — עפּעס פון יידישן געמיט. און אויב יידישע מאָלעריי איז אַן אומזיכערער טערמין, איז אָבער גאַנץ זיכער, אַז י. בערגנער איז דורכאויס אַ יידישער מאָלער. נישט נאָר אַ מאָלער — אַ ייד, נאָר אויך אַ מאָלער, וואָס מאָלט יידיש סיי ווען ער מאָלט אויף יידישע און סיי אויף נישט־יידישע טעמעס. און דאָס אַליין איבערצייגט שוין אויך, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ יידישע מאָלעריי, וואָס לאָזט זיך, אין אַ געוויסער מאָס, ווי אַזאַ אידענטיפיצירן.

נאָר נישט וועגן דעם גייט אונדז איצטער. אונדז אינטערעסירט דער מאָלער יאָסל בערגנער. און ווייל מיט זיין אָפּפאָר פון אויסטראַליע שליסט זיך אַ וויכטיקע דאַטע פאַר אים גופא, ווי אויך פאַר אונדזער קליינעם ישוב אין מעלבורן, איז כדאי טאַקע עפּעס מערער צו דערציילן וועגן דער טעמאַטיק און דעם אַרט פון זיין שאַפן, ווי אויך וועגן זיין קינסטלערישער אַנטוויקלונג.

י. בערגנער איז אין זיין 17־טן יאָר, אין 1937, געקומען קיין מעלבורן. שוין אין זיין פריער יוגנט האָט ער געהאַט אַמביציעס צו מאָלן און אַרויסגעוויזן פעאיקייטן דערצו. נאָר זיינע ערשטע ערנסטע טריט אין דער מאָלעריי האָט ער געמאַכט אין מעלבורן. אין פאַרלויף פון די עלף יאָר האָט ער זיך קינסטלעריש נאָר שטאַרק צעוואַקסן פאַרנעמענדיק איצינד אַן אָנגעזעען אָרט אין דער איצטיקער אויסטראַלישער מאָלעריי. דערפאַר מעג מען זאָגן, אַז י. בערגנער האָט זיך כמעט ווי דאָ אויפגעכאָוועט. און הגם איך וואָלט נישט געוואָלט צונעמען דעם כבוד פון דעם יידיש־יידישן ישוב אין מעלבורן צו שטאָלצירן מיט דעם, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַזאַ פיינעם פילצוזאָגנדיקן קינסטלער, מוז מען אָבער צוגעבן, און טאַקע לגנאי, אַז כשר פאַרדינט האָט ער זיך נישט, דער ישוב, כאָטש שטאָלצירן מעג ער און ער דאַרף...

ווען י. בערגנער איז אַלס 17־יעריקער בחור געקומען קיין מעלבורן האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַלע שוועריקייטן, וואָס יעדער אימיגראַנט, ווי געוויינלעך, טרעפט אָן. ער האָט זיך געפילט פרעמד און איינזאַם אויף דער ליידיקער גאַסיקייט פון די ברייטע צעעפנטע הייגע גאַסן, אונטערן שיינעם אָבער נישט צו גאַסטפריינדלעכן הימל. אָבער די איינגאַרטיקייט פונם אויסטראַלישן שטיינער־לעבן האָט אים גלייכצייטיק פאַראינטריגירט. ער האָט אָנגעהויבן מאָלן דאָס אויסטראַלישע שטאָטישע לעבן און מיט זיין שאַרף מאָלעריש אויג דערזען, אַז אונטער דער זאַטקייט און מכלומרשטער רואיקייט פון לאַנד, ליגט אויך באַהאַלטן אַן אומרואיקייט. נויט און הונגער, וואָס ס'רוב גוטע און אַפילו וויכטיקע אויסטראַלישע מאָלער האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט זען. ס'מיינט פשוט: אויך דאָ זענען פאַראַן מענטשן, וואָס נישט דער יצר־הרע פרעסט זיי, נאָר דער הונגער גריזשעט זיי טאַקע אין בויך. י. בערגנער האָט זיי זייער גאָענט דערזען: אָט די פלעשל־קלייבער, „פּענשאָנירס" און אַנדערע נויט־געשלאָגענע מענטשן, וואָס מ'זעט זיי זייער אָפט אין די ענגע, שמאָלע שטאָטישע הינטערגעסלעך, צווישן הויכע, בלינדע מויערן אַרומבלאָנקען.

י. בערגנער האָט זיי זייער גאָענט דערזען. און שוין דאָרט, אין זיינע ערשטע בילדער אויף דער דאָזיקער טעמאַטיק, הייבט זיך אָן אויסקריסטאַליזירן דער אידייאישער גרונט־שטריך און זיין קינסטלערישע אויפפאַסונג פון מענטשלעכן לעבן, וואָס איז געקומען אַזוי בולט צום אויסדרוק אין זיינע שפּעטערע קינסטלעריש־ריפע ווערק, ווי די סעריע „געטאָ־יידן" און אין די בילדער צו די ווערק פון י. ל. פּרץ.

י. בערגנער איז אַ מאָלער פון אומרו, פון טיפן צער, פון יידישן גורל. אין זיין טעמאַטיק איז זייער אָנזעעוודיק די שפּורן פון מענטשלעכן אומיושר און עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען בין אדם לחברו. אמת, „זיינע בילדער לייגן זיך נישט לייכט אויפן געמיט" (אַזוי האָט מיר לעצטנס

מאַרקס געביטן זיינע טעאָריעס? איז ער געוואָרן אומטריי צו זיין מאַרקסיזם?

חס וחלילה! זיין פאַרשידענע שטעלונג דערקלערט זיך דורך דעם פאַרשידענעם באַדייט פון די צוויי ענינים.

די „פּריצייטיקע" רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג זענען געווען אַן אינעווייניקסט־פּאַרטייאישע מעשה. האָט קאַרל מאַרקס געהאַלטן פאַר זיין חוב צו באַקעמפן אַ באַוועגונג, מיט וועלכער ער קאָן נישט איינשטימען.

די „פּאַריזער קאָמונע" אָבער איז געווען אַ וועלט־היסטאָרישע פּאַסירונג. פאַר דער וועלט איז אין איר געווען פאַרקערפּערט דער גייסט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. אַנטקעגן איר איז אויפגעטראָטן די אַלוועלטלעכע רעאַקציע.

דאָס איז געווען אַ קאַמף פון כוחות, — ליידער פון נישט־גלייכע כוחות. רעאַקציע האָט אָנגעשטורעמט אַנטקעגן רעוואָלוציע און האָט זי דעמאָלט „פאַנאַנדערגעשאָסן".

איז פאַר מאַרקסן, דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט, געווען קלאָר זיין חוב: פאַרטיידיקן די רעוואָלוציע. אָנפאַלן נישט אויף איר, נאָר אויף דער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע.

לערנט אונדז קאַרל מאַרקס פון 1871, ווי אַזוי סאָציאַליסטן דאַרפן זיך שטעלן צו דער גרויסער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע פון 1917 אין סאָוויעטן־לאַנד.

זיי דאַרפן זיך אַרויסרייסן פון זייער פּאַרטיי־קלייזלדיקן וועלט־באַנעם. זיי דאַרפן אויפהערן זיך צו חקרענען, צי דאָס אָדער יענץ אין דער רעוואָלוציע שטימט מיט דעם אָדער יענעם סעיף פון זייער פּאַרטיי־שולחן־ערוך. וועלן זיי איינזען, אַז די אַלוועלטלעכע רעאַקציע, וואָס דאַרף אַלע מאָל באַקעמפן די רעוואָלוציע, איז פאַרקערפּערט דער עיקר אין איר אוואַנגאַרד, דער פאַשיסטיש־נאַציסטישער אַקס, וואָס שטורעמט אָן אַנטקעגן דעם הויפּט־שונא: דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע.

די סאָציאַליסטן וועלן דעמאָלט איינזען, אַז עס איז זייער חוב, זייער סאָציאַליסטישע התחייבות, זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, ווייל פאַר דער וועלט־געשיכטע איז זי די פאַרקערפּערונג פון סאָציאַליזם.

נאָר ווען די סאָציאַליסטן וועלן זיך אַוועקשטעלן אָט אויף דעם שטאַנדפּונקט, וועלן זיי קאָנען ווידער ווערן אַ היסטאָרישע קראַפט אין דעם גרויסן קאַמף פון אונדזער צייט.

א יידישער אינטעליגענטער מענטש געזאָגט), אמת, אָבער אויך דאָס יידישע לעבן ליגט זיך נישט לייכט אויפן געמיט. דורות יידן האָבן עס געטראָגן און דורכגעטראָגן און י. בערגנער טראָגט עס ווייטער באהבה — מיט ליבשאַפט. דערפאַר איז אים טאַקע געלונגען, דאָ, אין דער ווייטער אָפּגעריסנקייט פון עכטן יידישן שטייגער־לעבן, אריינצודרינגען טיף אין דער נשמה פון יידישן מענטש און שאַפן אַזעלכע קינסטלעריש־מאָנומענטאַלע ווערק, ווי זיין סעריע פריז־בילדער, וועלכע וועלן זיך זיכער איינלעבן אין דער ווייטער צוקונפט אריין פון אונדזער פאָלק.

דורך דער גאַנצער צייט פון זיין זיין אין אויסטראַליע האָט י. בערגנער זייער שטאַרק געאַרבעט איבער זיך. קיין גוטע שולן פון מאָלעריי זענען דאָ הי נישט בנמצא, האָט ער אליין זייער א סך שטודירט און זיך גרינטלעך באַקענט מיט די פאַרשידענע פּראָבלעמען און טענדענצן אין דער מאָלעריי, אמאָל און איצט.

די געוואַלטיקע אומרואיקייט פון וואַן גאָג, די פיין־געשניצטע ליניעס פון פּיקאַסאָ, זיין איידעלע מענטשלעכקייט, באַזונדערס אין זיין „בלויער סעריע", האָבן פאַר א צייט לאַנג אויסגעאיבט אויף י. בערגנערן א שטאַרקע השפעה. דער רויער טראַגיזם אין די בילדער פון סוטין, די האַרציקע יידישקייט פון שאַגאַל האָבן אים געצויגן צו זיך און ווי יעדער עכטער יונגער קינסטלער האָט ער אריינגענומען אין זיך די פאַרשידענע נישט־אויסמיידנדיקע השפעות און ביסלעכווייז אָנגעהויבן געפינען א וועג צו זיין אייגענעם קינסטלערישן איך. אין זיינע לעצטע ווערק אויף יידישער טעמאַטיק, דער עיקר אין דעם בילד „באַנציע שווייג", ווייזט זיך י. בערגנער ווי א מאָלער מיט גרויסע פּאָטענציעלע כוחות, א טאַלאַנט, וועלכער זאָגט צו צו צעוואַקסן זיך אויף צו פאַרנעמען א חשוב אָרט צווישן די גרויסע מאָלער פון אונדזער דור.

איך ווייס נישט, צי פאַרב קען זיין יידיש, נאָר י. בערגנערס בילדער מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן גערעדט אויף לשון יידיש. אויך זיינע אויסטראַלישע טעמעס רעדן מיט אָט דער שפּראַך און אין זיין סעריע „אַבאָרידזשינאַלס" — די אוראַלטע איינוואוינער פון אויסטראַליע, וואָס י. בערגנער איז צווישן די נעציילטע היגע מאָלער, וועלכע האָבן אויף לייוונט געשילדערט דעם אומגליק פון אָט דעם אוראַלט־פאַרפייניקטן פאָלק — אויך אין זיי איז פאַראַן א שטיק יידישער גורל. מען קוקט אויף זיי און מען איז איבערצייגט, אז אויך דער מאָלער האָט ארויפגעצווינגען אויף זיך זייער שוואַרצע פאַרשעמטע הויט, אריינגעלעבט זיך טיף אין זייער אוממענטשלעכער פאַרקנעכטשאַפט און דאָס קוקט ער צוזאַמען מיט זיי אַרויס פון די בילדער, אליין א שוואַרצהויטיקער, אליין א פאַרשעמטער. און דערפאַר טאַקע זענען זיינע בילדער אזוי אויסדרוקפול און פאַרגעדענקען זיך זייער לאַנג. ווייל צו קענען אריינלעבן זיך אין א צווייטנס הענט און פיס, בפרט אין הענט און פיס, וואָס זענען שוואַרץ — בשעת דער תהום צווישן שוואַרץ און ווייס איז נאָך אַלץ אזוי גרויס אויף דער וועלט — צו קענען איבערשפּאַנען אזא תהום, איז א זעלטענע מעלה, נאָך מער, א ברכה, וואָס נישט יעדער קינסטלער איז מיט דעם געבענטשט.

י. בערגנער האָט זיך קינסטלעריש אַנטוויקלט אין דער צייט פון דער מלחמה



א דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע

און ס'רוב פון זיינע בילדער טראָגן דעם חותם פון אָט דער גורלדיקער צייט. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אז זיינע בילדער, וואָס דערציילן פון גרויל און ווייטיק, ווי די פאַרגאַזטע און הענגענדיקע יידן, צי די אין קייטן געבונדענע אַבאָרידזשינאַלס, זענען געמיינט אויסצודריקן בלויז א שרייענדיקן פּראָטעסט. אפילו אָט די בילדער שרייען נישט. זיינע מענטשן טראָגן אין זיך דעם צער און די פּיין, וואָס איז צו זיי אָפּגעטון געוואָרן מיט א מידה פון א קרבן־באַוואוסטזיניקייט. זיי שרייען נישט. י. בערגנער פאַרמאָגט אין זיך די קענטשאַפט פון לאָזן א מענטשנס ליפּן שווייגן און לאָזן רעדן דווקא אַנדערע אברים: א פיס, אַן אַקסל, א שטריך. זייער לשון איז א שטום לשון, וואָס איז אוממיטלבאַר און דערפאַר ווירקט עס אויף אונדז מער דירעקטער. דער טרויער, וואָס איז דאָרט פאַראַן, איז נישט קיין לייכט־פאַרגייענדיקער, נאָר א שווערער, אזא וואָס גדויערט שוין לאַנגע דורות און איז ווי אָנגעשטעקט מיט טראָפּנס פאַטאַליזם.

ווען י. בערגנער האָט אָנגעהויבן מאָלן זיין געטאָ־סעריע, האָט ער קלאָר געוואוסט, אז ער איז דאָרט נישט געווען און דער עצם פאַקט פון צורירן זיך צו אזא טעמע, נישט זייענדיק דאָרט, וואָרנט מיט דורכפאַל. ווייל וואָס איז טאָן און פאַרב אַקעגן דעם דאָרטן געשעענעם? ווי לאָזט זיך גאָר טראַכטן פון מאָלערישע געזעצן און אָנגענומענע פאָרמען ביים מאָלן אויף אַזעלכע טעמעס? י. בערגנער

האט נישט איינמאל און אומבאהאלפענער געזוכט די גאנצקייט פון בילד, וואס זאל זיך נישט צעפאלן אונטער דער שווערער לאסט פון דעם טראגיזם. ער האט אבער אויך נישט געקענט אויסמיידן דאס דארט געשעענע און אפרוקן זיך אין א זייט, ווי א סך מאלער האבן עס געטון. ווייל י. בערגנער איז א מאלער פון פארב לשם מענטש און נישט פארב לשם פארב. יא, ער איז גענוג באקאנט מיט די אזוי גערופענע מאדערנע שולן אין דער מאלעריי, ווי די פארשידענע אפצווייגן פון קוביזם, פארמאליזם א. א. וו., שיטות אבסקוראנטע, וואס אין דער אמתן זענען זיי שוין לאנג אפגעלעבט און האבן מער נישט וואס צו זאגן און לערנען. די אלע שולן לאזן אים גאנץ קאלט. י. בערגנער איז א טעמאטישער מאלער און ער לעבט זיך צונויף זייער אינטים מיט דעם וואס ער מאלט. אין זיינע בילדער איז דא א סך פערזענלעכעס. קוקט אויף דעם בילד „די געהאנגענע יידן" און פרעגט אים ווער זיי זענען: דאס איז זיין זיידע און דאס איז זיין רבי, וואס האט מיט אים קליינערהייט געלערנט אלף־בית. שווער צו מאלן אן איינעם יידן א געהאנגענעם. שווער צו מאלן בילדער פון קלאג און עס זאל זיך דערהערט דארט אויך עפעס פון אייגענעם געוויין. און אין זיינע ווערק איז יא דא אייגנס. דאס געוויין איז אונדזער אלעמענס, אבער זיין אופן פון וויינען איז אן אנדערער, אן אייגנער. און די דאזיקע אייגנארטיקייט איז צו דערקענען אפילו נאך אין זיינע ערשטע בילדער אויף אויסטראלישע טעמעס. קוקט זיך צו צו זיינע מענטשן און איר וועט ארויסשפירן א שווערע משא, וואס ליגט אויף זיי. אויף די פלייצעס אדער אין די פלייצעס גופא. זייערע גלידער און גופים זענען שווער־מוטיק, ווי עפעס א לאסט וואלט זיי נידעריק צו דער ערד אראפגעדריקט. עפעס ווי דער גורל פון א „באנציע שווייג" וואלט איבער זיי געהאנגען און ווי זיי אליין וואלטן געווען אנגעשטעקט מיט דעם געמיט פון א באנציע. נישט דער באנציע, וואס ווערט אויסגעלאכט פון דעם משכילישן הימל אויף וועלכן י. ל. פרץ האט אים ארויפגעשיקט, נאר באנציע דער פאריתומטער און פארווארלאזטער מענטש, וואס לעבט א פארשעמטער אונטן אויף דער וועלט. באנציע איז א שווייגער, אבער דווקא זיין שווייגן איז מער ווירקזאם ווי רייד. און צו אט דעם שווייגן איז י. בערגנער זייער נאענט צוגעקומען. אפילו אין זיינע „שטילע לעבנס" איז דאס צו דערקענען.



„שטיל לעבן" (געקויפט געווארן דורך דער נאציאנאלער גאלעריע אין מעלבורן)

דער טראגיזם פון א באנציע איז י. בערגנער'ן זייער אייגן און עס דינט אים ווי א מיטל, אויך ווי א קפיצת הדרך, איבערצוגעבן דאס, וואס ער זעט אין זיך און ארום זיך.

אין דעם בילד „באנציע שווייג" — פון דער סעריע בילדער צו די ווערק פון י. ל. פרץ — מאלט ער באנציען, גייענדיק אין מיטן פון א ליידיקער גאס צווישן צוויי שורות הייזער מיט א ריזיקן קאסטן אויף די פלייצעס. דאס בילד איז אפשר דאס רייפסטע פון זיינע ווערק. ס'איז זייער שיין געמאלן. טיפע טענער און א זעלטענער מאלערישער חוש פאר קאליר און צונעפאסטער שטימונג פון פארב. א פייערלעכע יום־טובדיקייט שוועבט אראפ פון בילד. עפעס א הייליקייט. ווי באנציע וואלט דא געגאנגען אויף א גאר וויכטיקער שליחות. וואס טוט באנציע? ער טראגט א קאסטן. קען זיין, אז דארט איז יידישער גורל, מענטשלעכער פאטאליזם. קען זיין. נאר דער עיקר באשטייט אין דעם, וואס ביי באנציען הענגט נישט דער פאטאליזם הויך איבערן קאפ, נאר ער איז אריינגעקוועטשט טיף אין זיינע אקסלען. באנציע ראנגלט זיך נישט מיט דעם. ער טראגט עס ווי א נאטירלעכן באשטאנדטייל פון אים גופא. נישטא דארט קיין קאמף. דערפאר פארמאגט באנציע א כוח פון דויערהאפטיקייט, וואס קען איבערלעבן יסורים און נישט אריינפאלן אין קיין יאוש. י. בערגנער האט דא נישט בלויז אילוסטרירט פרצעס „באנציע", נאר אריינגעגעבן אין אים א באוואוסטזיניקייט, א נשמה. אז בערגנערס „באנציע" וועט מיט אט דעם קאסטן אויף די פלייצעס ארויף אין הימל, וועט מען שוין דארט פון אים מער נישט לאכן. אויך פרץ וועט נישט טרייבן קיין חוזק. מ'וועט איינזען, אז צו וועלן יעדן טאג א „בולקע מיט פוטער" איז אפשר א סך שענער און מענטשלעך־העכער, ווי וועלן א הויכן טראן מיט א גאלדענער קרוין...

י. בערגנער האט אריינגעבראכט אין דער אויסטראלישער מאלעריי א סך נייקייט. אונטער זיין השפעה האבן טייל היגע מאלער זיך באפרייט פון אומנוצלעכע אפגעשטאנענע דאגמעס אין דער מאלעריי, וואס נאר מאלער אן אידייאישער באפארבונג גריבלען זיך נאך אלץ אין דעם, מיינענדיק, אז דאס וועט זיי ראטעווען פון טאלאנטלאזיקייט. אויך דורך זיין טעמאטיק האט ער אנגעוויזן אויף א סך שטריכן אין אויסטראלישן לעבן, וואס איז ביז אים דורך מאלער פארזען געווארן. זיינע בילדער זענען געקויפט געווארן פון דער מעלבורנער קונסט־גאלעריע און פון א ריי אנדערע מוזעאומס אין קלענערע פראווינץ־שטעט. זיין סעריע „געטא־יידן" איז אפגעקויפט געווארן פון א גרופע היגע אינטעליגענטע יידישע מענטשן, וועלכע האבן די בילדער געשענקט במתנה דער יידישער נאציאנאלער ביבליאטעק „קדימה". א יידישער פארלעגער אין קאנאדע האט אויסגעקליבן י. בערגנערן, פון צווישן אנדערע יידישע מאלער, צו אילוסטרירן די ווערק פון י. ל. פרץ, וואס וועט ארומנעמען קרוב 60 פאלקסטימלעכע דערציילונגען. י. בערגנער האט די אויפגאבע שוין פארענדיקט. עס איז א ריזיק ווערק און דאס איינציקע פון דעם מין אין דער יידישער מאלעריי.

דעם 9־טן אויגוסט איז יאסל בערגנער אפגעפארן קיין פראנקרייך צו האבן אן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. ער וועט אויך ווארשיינלעך באזוכן אנדערע אייראפעאישע און אמעריקאנער לענדער. ווינטשן מיר דעם יונגן מאלער, וואס האט זיך ביי אונדז דא אויפגעכאוועט, א צאתך לשלום, א הארציקן זייגעזונט, און זאל ער מצליח זיין.

★